**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 09/20/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

# גאווערנער האקול שרייבט אונטער רייע בילס צו פארשטערקערן דעמאקראטיע און באשיצן רעכטן פון וויילער

***אונטערגעשריבענע ביל (S.6519/A.1565), ביל (S.5984-A/A.6132-A), ביל (S.6519-A/A.1565-A) און ביל (S.7394-A/A.7632-A) פארשטערקערן סטאנדארטן פון פריע וואלן***

***אונטערגעשריבענע ביל (S.5965-A/A.4009-A), ביל (S.587/A.268), ביל (S.1733-A/A.5180-A) און ביל (S.7550/A.7690) בארייכערן אויפקלערונג באמיאונגען פאר וויילער***

***אונטערגעשריבענע ביל (S.350/A.5874) און ביל (S.438/A.928) באשיצן ניו יארקער'ס שטימעס***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אונטערגעשריבן א רייע בילס צו פארשטערקערן דעמאקראטיע און צו באשיצן וויילער רעכטן אין ניו יארק סטעיט. די רייע בילס בויט ארויף אויף ניו יארק סטעיט'ס אנגייענדע באמיאונגען צו פארבעסערן און באשיצן צוטריט צו די וואלן פאר אלע ניו יארקער, אריינרעכנענדיג דאס אריבערפירן דעם 'דזשאן ר. לואיס וויילער רעכטן געזעץ' (John R. Lewis Voting Rights Act) פון ניו יארק — די מערסטע וויט-גרייכנדע וויילער רעכטן געזעץ אויפן שטאפל פון די סטעיט אינעם לאנד.

"דורכן היטן אויף די פארלעסליכקייט פון אונזער וואלן פראצעדור און דורכן פארזיכערן גלייכע צוטריט צו קענען שטימען, באפולמעכטיגן מיר יעדן ניו יארקער צו לאזן זייערע שטימעס דערהערט ווערן", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "ניו יארק סטעיט בלייבט פארפליכטעט צו פארשטערקערן אונזער דעמאקראטישע פראצעדור, קעמפנדיג פאר די רעכט פון יעדן בירגער צו שטימען און באפעסטיגנדיג אונזער פלאץ אלס נאציאנאלע פירערין אויף וויילער רעכטן."

"די רעכט צו שטימען איז פונדאמענטאל צו אונזער דעמאקראטיע, און סיי וועלכע פראבע צו באגרעניצן די רעכט איז אן אטאקע אויף אונזערע פרייהייטן", **האט ליוטענאנט גאווערנער דעלגאַדאָ געזאגט.** "ניו יארק איז שטאלץ צו זיין א פירערין ביים באשיצן די רעכט צו שטימען, זיכער מאכנדיג אז ניו יארקער האבן די געלעגנהייט צו לאזן זייערע שטימעס דערהערט ווערן און באקאנט מאכן זייערע מיינונגען."

<u>**פארשטערקערן סטאנדארטן פאר פריע וואלן (אוירלי וואָוטינג)**</u>
איין אונטערגעשריבענע ביל (S.6195/A.1177) ערלויבט עבסענטי בעלאטס צו געציילט ווערן אויב די קאנווערט איז צוגעקלעבט געווארן מיט טעיפ און עס איז נישטא קיין סימן אז עס איז ארומגעשפילט געווארן.

נאך א ביל (S.5984-A/A.6132-A) באשטימט א "גאלדענער טאג" אויף דעם ערשטן טאג פון די צייט אפשניט פון די פריע וואלן ווען ניו יארקער קענען זיך רעגיסטרירן צו שטימען און אריינגעבן זייערע בעלאטס ביי די וואלן לאקאציע אלעס אויפן זעלבן טאג.

**סטעיט סענאטאר ברייען קעווענאו האט געזאגט,** "די רעפארמען אין די רייע בילס – אריינרעכענענדיג מיינע בילס צו גרינגער מאכן זיך צו רעגיסטרירן און צו שטימען פרי – בויען ארויף אויף אונזער הצלחה אין לעצטערע יארן צו אסאך פארמערן ניו יארקער'ס צוטריט צו די וואלן און דראמאטישע פארבעסערן כמעט יעדע געביט פון די וועג וויאזוי מיר פירן אן די וואלן. איך בין שטאלץ צו שטיצן די בילס, און איך לויב און דאנק מאיאריטעט פירערין ענדריע סטוּערט-קאָזינס, דעפּיוטי פירער מייקעל דזשיענעריס, עלעקשען טשעירס זעלנאר מירי און לאטריס וואלקער, די אסעמבלי ספאנסארס דזשאָוען סימאָון און ראבערט קעראל און אלע אונזערע אנדערע שתדלנים פאר דעמאקראטיע און קאלעגן אין רעגירונג, און אוודאי גאווערנער קעטי האקול פאר איר פעלזן-פעסטע פירערשאפט אויף די אנגעלעגנהייט און אויף אזויפיל אנדערע אנגעלעגנהייטן."

**אסעמבלי מיטגליד ראבערט קעראל האט געזאגט,** "איינס פון מיינע לעגיסלאטיווע פריאריטעטן אלס א סטעיט אסעמבלי מיטגליד איז שטענדיג געווען צו זיכער מאכן אז ניו יארק פאלגט נאך אוועקגעשטעלטע בעסטע סטאנדארטן צו ערלויבן יעדער ווילער אין די סטעיט צו האבן די פאסיגע וועגן צו אויסנוצן זייער רעכט צו שטימען. די ביל בויט ארויף אויף מיין פריערדיגע ביל צו רעפארמירן ניו יארק'ס אור אלטע וואלן געזעצן, און עס שטעלט פאר א בלוּפּרינט פאר ווייטערדיגע פארבעסערונג אין די צוקונפט. עס דערפריידט מיך צו זעהן אז גאווערנער האקול שרייבט אריין די ביל אין געזעץ."

נאך א ביל (S.6519-A/A.1565-A) שטעלט אוועק א טערמין ביז ווען די לאקאציע וואו וואלן וועלן פארקומען אין די צייט אפשטיט פון די פריע וואלן.

**אסעמבלי מיטגלידערין דזשאָוען סימאָון האט געזאגט,** "צוטריט צו קענען שטימען איז איינס פון די מערסטע פונדאמענטאלע רעכטן וואס מיר האבן אלס בירגער, און דאס איז די סיבה פארוואס ניו יארק שטייט אין שפיץ פונעם וועג ביים דאס גרינגער מאכן פאר מענטשן זיך צו רעגיסטרירן, צו ווילן און פאר זייער שטימע צו געציילט ווערן. איך בין גאר באגייסטערט אז גאווערנער האקול האט אריינגעשריבן מיין ביל אין געזעץ כדי צו זיכער מאכן אז ווילער ווערן איינגמאלדן איבער די ענדערונגען צו די לאקאציע פון פריע וואלן אויף א צייטליכן פארנעם. די בירגער אין מיין דיסטריקט זענען געווען אומצופרידן איבער דאס נישט איינגעמאלדן ווערן פון בעפאר איבער לאקאציע ענדערונגען, און דער נייער געזעץ וואלט שוין פון לאנג געדארפט אריבערגעפירט ווערן. מענטשן מיט דיסאביליטיס זעצן באזונדערס פאר זיך צו אנטרעפן אין שוועריגקייטן אזוי ווי די מערהייט פון וואלן לאקאציעס זענען נישט אינגאנצן צוגענגליך, און זיי דארפן האבן צייטליכע אינפארמאציע כדי צו קענען אקאמאדירן זייערע אייגנארטיגע רייזע און צוגענגליכקייט באדערפענישן."

נאך א ביל (S.7394-A/A.7632-A) שטעלט אוועק א סיסטעם פאר פריע וועלן דורך די פאסט. די ביל וועט שאפן א פראצעדור וואס ערלויבט אלע בארעכטיגט, רעגיסטרירטע ניו יארק סטעיט ווילער צו האבן א געלעגנהייט צו שטימען פריערהייט דורך די פאסט בעפאר וואלן. א נייע אפליקאציע פראצעדור וועט אנטוויקלט ווערן צו ערמעגליכן ווילער צו פארלאנגען פריע וואלן בעלאטס אונטער דעם נייעם געזעץ. ווילער וועלן קענען פארלאנגען בעלאטס אין די פאסט ביז צען טעג פאר די וואלן פאר וועלכע זיי ווילן שטימען פריערהייט דורך די פאסט; עלעקשען באורדס וועלן דאן ארויסשיקן בעלאטס אין די פאסט מיט באצאלטע קאנווערטן צו צוריקשיקן די בעלאט פאר אלע בארעכטיגטע און רעגיסטרירטע ווילער. פריע פאסט בעלאטס מוזן דאן צוריקגעשיקט ווערן דורך די פאסט צו די ריכטיגע עלעקשען באורד נישט שפעטער פון די טאג פון די וואלן און מוזן ערהאלטן ווערן דורך די באורד נישט שפעטער פון זיבן טעג נאך די טאג פון די וואלן. די ביל שפיגלט אפ א באדייטנדע פארברייטערונג פון צוטריט צו בעלאטס אין ניו יארק סטעיט, און עס וועט גיבן פאר מיליאנען ניו יארקע ווילער א גרינגע, זיכערע און פארזיכערטע מיטל צו שטימען פריערהייט דורך א פאסט בעלאט.

**סטעיט סענאט דעפּיוטי מאיאריטעט פירער, מייקעל דזשיענעריס, האט געזאגט,** "שטימען איז א פונדאמענטאלע רעכט, און ווי גרינגער מיר מאכן דאס צו שטימען, אלס געזונטער וועט אונזער דעמאקראטיע זיין. איך בין שטאלץ אז די גאווערנער האט אונטערגעשריבן די בילס אזוי ווי מיר זעצן פאר צו ארויפבויען אויף אונזער וויכטיגע ארבעט צו פארברייטערן צוטריט צו בעלאטס פאר אלע ניו יארקער."

**אסעמבלי מיטגלידערין קארינס רעיעס האט געזאגט,** "איך אפלאדיר גאווערנער האקול פארן אונטערנעמען די דייטליכע און מאנומענטאלע טריט צו פארברייטערן צוטריט צו די וואלן. אונזער דעמאקראטיע ווערט ערנערט און געשטארקט ווען בירגער האבן גרינגע צוטריט צו די וואלן. דורכן ערלויבן וויילער צו אריינגעבן זייערע בעלאטס דורך די פאסט, נעמען מיר אוועק א קריטישע שטרויכלונג אין די וועג פון וויילער ביים לאזן זייערע שטימעס דערהערט ווערן: מאכן צייט צו גיין צו זייער ספּעציפישע וואלן לאקאציע און אריינלייגן א בעלאט. ניו יארק וועט זיך אויך אנשליסן מיט די רייע פון 35 אנדערע סטעיטס וועלכע האבן שוין געגעבן פאר וויילער די קריטישע אפּציע צו לאזן הערן זייער שטימע אין אונזער סטעיט און אירע אנגעלעגנהייטן. איך וויל שיקן א דאנק פאר סענאטאר דזשיענעריס, פאר מיינע קאלעגן אין די לעגילסאטור און פאר די וויילער רעכטן שתדלנים וועלכע האבן געהאלפן מאכן דעם היינטיגן טאג פאר א מעגליכקייט."

<u>**פארמערן אויפקלערונג באמיאונגען פאר וויילער**</u>

איין ביל (S.5965-A/A.4009-A) פארלאנגט לאקאלע טורמעס צו צושטעלן וויילער רעגיסטראציע אינפארמאציע פאר מענטשן וועלכע זענען גענוג אלט צו שטימען וועלכע ווערן ארויסגעלאזט פון לאקאלע טורמעס.

**סטעיט סענאטאר דזשאמאל ט. בעילי האט געזאגט,** "די רעכט צו שטימען איז געווען ביי די הארץ פון אלע פארשריט אין דעם קאמף פאר פרייהייט און גערעכטיגקייט דורכאויס די היסטאריע פון אונזער פאלק. אונזער שטימע איז אונזער כוח, און איך בין שטאלץ צו ספּאנסארן די ביל צוזאמען מיט אסעמבלי מיטגליד עדי גיבס צו זיכער מאכן אז יעדער ניו יארקער, אפגעזעהן פון זייער פארגאנגענהייט, ווערט באפולמעכטיגט צו אויסנוצן זייער פונדאמענטאלע רעכט. כאטש אונזער סטעיט האט געמאכט געוואלדיגע פארשריט צו פארבעסערן צוטריט צו די וואלן, דארף מוזן מיר זיך נאכאלץ אפגעבן מיט די עקזיסטירנדע שטרויכלונגען וועלכע האלטן צוריק מענטשן פון פולשטענדיג זיך באטייליגן אין דעם דעמאקראטישן פראצעדור און אויסנוצן די כוח פון זייער שטימע. דורכן זיכער מאכן אז יוסטיץ-פארפלאנטערטע ניו יארקער זענען באקאנט מיט זייערע וויילער רעכטן, איז די ביל א קריטישע טריט אין ריכטונג פון ברענגען אן ענדע פון דאס אויסשליסן געוועזענע ארעסטירטע מענטשן און פאררעכטן סיסטעמאטישע אומרעכטן וועלכע האבן באזייטיגט טונקל- און ברוין-הויטיגע קאמיוניטיס אויף אן אומגלייכע אופן. איך וויל באדאנקען אסעמבלי מיטגליד עדי גיבס, וועמען'ס פערזענליכע לעבנ'ס רייזע און פירערשאפט האבן געשפילט א הויפט ראלע ביים קעמפן פאר די ביל אין די אסעמבלי. איך וויל אויך באדאנקען גאווערנער קעטי האקול פארן אריינשרייבן די ביל אין געזעץ און מאיאריטעט פירערין ענדריע סטועורט-קאָזינס, ספּיקער קארל היעסטי און מיינע קאלעגן אין ביידע לעגיסלאטיווע הייזער פאר זייער פארפליכטונג צו א מער גלייכע און אריינגעמיגע דעמאקראטיע."

**אסעמבלי מיטגליד עדי גיבס האט געזאגט,** "אלס דער ערשטער געוועזענער ארעסטירטער מאן צו דינען אויף א רעגירונג אמט אין ניו יארק סטעיט, און אין סיי וועלכע רעגירונג אין די פאראייניגטע שטאטן, איז דער געזעץ נאענט און טייער צו מיין הארץ. לעצטנס האב איך פארלוירן צוויי פון די מערסטע איינפלוסרייכע וועגווייזנדע ליכט פון מיין לעבן — מיין באחנ'טע מאמע, וואלערי גיבס, און מיין באליבטע טאכטער, עריעל גיבס. די ליבשאפט פון מיין מאמע און טאכטער האבן מיר געהאלטן ביים זינען און קאנצענטרירט זינט איך בין געווען אינדערהיים, און יעדן טאג שטרעב איך צו לעבן ערליך און באעהרן זייער זכרון דורך מיין פובליק דינסט. דער נייער געזעץ איז א מיסיע פון ליבשאפט פאר יעדער מענטש וואס איז אהיימגעקומען מיט א געטווישטע הארץ און האבן בלויז געדארפט א געלעגנהייט און צוטריט צו

מיטלען כדי צו טוישן זייערע לעבנס. ווערן אריינגעמישט אין בירגערליכע אקטיוויטעטן און צוריק באקומען ווײלער רעכטן זענען א וויכטיגע טריט אין די טויש. איך באדאנק גאווערנער האקול, ספיקער היעסטי, מאיאריטעט פירערין סטוּערט-קאזינס, מיין ברודער אין רעגירונג און אין לעבן, סענאטאר בעילי, מיינע קאלעגן, פריינט, אליאירטע און מיין גאנצע מאנשאפט פארן זיין דא היינט."

נאך א ביל (S.587/A.268) פארלאנגט פון די ניו יארק סטעיט באורד אָוו עלעקשענס צו אנטוויקלען און צושטעלן א טרענירונג פראגראם פאר וואלן לאקאציע ארבייטער.

**סטעיט סענאטאר ליראָי קאַמרי האט געזאגט,** "אונזערע וועלן זענען קריטיש פאר די אנגייענדע באטייליגונג אין- און די הצלחה פון אונזער דעמאקראטיע. דורכן גוט צוגרייטן וואלן לאקאציע ארבייטער אריבער די סטעיט איבער וויאזוי צו אמבעסטן באדינען אונזער ריזיגע און פארשידנארטיגע באפעלקערונג, קענען מיר רעדוצירן פילע פון די אפטע שוועריגקייטן מיט וועלכע מענטשן טרעפן זיך אן אויף די טאג פון די וואלן וועלכע קענען מעגליך אנטמוטיגן ניו יארקער פון אויסנוצן זייער רעכט צו שטימען. איך פיל זיכער אז די צוגאב פון א סטעיט-ברייטע סטאנדארט פאר די טרענירונג פון אונזערע אומפארטייאישע וואלן לאקאציע אריבער די סטעיט דורך די ביל וואס איז אריבערגעפירט געווארן דורך מיך און דורך אסעמבלי מיטגלידערין לאטריס וואלקער וועט דאס עררייכן, און עס איז מיר אן עהרע אז גאווערנער קעטי האקול טיילט מיט די חזון היינט אזוי ווי זי שרייבט אונטער אונזער ביל."

**אסעמבלי מיטגלידערין לאטריס וואלקער האט געזאגט,** "מיט די רייע בילס האט ניו יארק סטעיט פארברייטערט ווײלער רעכטן, אין די צייט וואס אנדערע סטעיטס באגרעניצן זיי אקטיווערהייט. מיר האבן ווידעראמאל פארברייטערט ווײלער רעכטן אין די עמפייער סטעיט אין די צייט וואס געוויסע אין וואשינגטאן זאגן זיך נאכאלץ אפ צו אונטערנעמען שריט. מיר האבן געזאגט דא היינט – מיט איין שטימע – אז יעדע שטימע אין ניו יארק סטעיט מאכט אויס. דאס איז א זאך צו געפייערט ווערן. ניו יארק סטעיט האט ווידעראמאל באעהרט די לעבן און שאפן פון דעם פארשטארבענעם קאנגרעסמאן, דזשאן ר. לואיס, וואס האט אמאל געזאגט: 'די רעכט צו שטימען איז טייער. עס איז כמעט הייליג. עס איז די מעכטיגסטע פרידליכע מיטל וואס מיר האבן אין א דעמאקראטיע.' א דאנק פאר די אנדערע געזעצגעבער פאר זייער איבערגעגעבנקייט צו פארמערן צוטריט צו די וואלן. און אוודאי, א דאנק פאר גאווערנער קעטי האקול פאר איר פירערשאפט."

נאך א ביל (S.1733-A/A.5180-A) פארלאנגט לאקאלע עדזשוּקעישען באורדס, BOCES, טשארטער סקולס און פריוואטע סקולס צו אננעמען פאליסיס צו שטופן סטודענטן זיך צו רעגיסטרירן צו שטימען און פריע רעגיסטראציע (פרי-רעדזשיסטרעישען).

**סטעיט סענאטארשע שעלי ב. מעיער האט געזאגט,** "איך אפלאדיר גאווערנער קעטי האקול פאר איר איבערגעגעבנקייט צו פארשטערקערן די צוקונפט פון אונזער דעמאקראטיע אין ניו יארק סטעיט דורכן אונטערשרייבן די רייע בילס, אריינרעכענענדיג מיין ביל צו אוועקשטעלן סקול ווײלער רעגיסטראציע און פריע רעגיסטראציע פראגראמען. עס איז קריטיש פאר די צוקונפט פון אונזער דעמאקראטיע אז קינדער און יונגע ערוואקסענע זאלן לערנען איבער די געוואוינהייטן און וויכטיגקייט פון בירגערליכע פארמישונג און אז זיי זאלן געמוטיגט ווערן זיך צו פולשטענדיג באטייליגן אין אונזער דעמאקראטיע. איך באדאנק אסעמבלי מיטגלידערין מאניקע וואלעס פאר איר שותפות אויף די וויכטיגע ביל, מיינע קאלעגן פאר זייער מיטגעטיילטע איבערגעגעבנקייט צו פארבעסערן די וואלן סיסטעם און גאווערנער קעטי האקול פארן אריינשרייבן יעדע איינס פון די בילס אין געזעץ."

**אסעמבלי מיטגלידערין מאניקע וואלעס האט געזאגט,** "א שטארקע דעמאקראטיע פארלאנגט אמת'ע באטייליגונג דורך יעדן. די ביל וועט העלפן זיכער מאכן אז יונגע מענטשן זענען גרייט צו שטימען ווי נאר זיי זענען בארעכטיגט דערפאר. איך באדאנק מיין קאלעגין, סענאטארשע שעלי מעיער, פארן

אריבערטראגן די ביל אין די סענאט, און איך באדאנק גאווערנער האקול פארן אונטערשרייבן די וויכטיגע ביל."

נאך א ביל (S.7550/A.7690) באשטימט די דאטום פאר די פרעזידענטליכע פריימערי וואלן צו פארקומען אום אפריל 2, 2024.

**אסעמבלי ספיקער קארל היעסטי האט געזאגט,** "ניו יארק איז א בעסערע פלאץ ווען מער מענטשן שטימען, און די ביל וואס איז היינט אריינגעשריבן געווארן אין געזעץ וועט העלפן שטימעס געציילט ווערן און פארמערן די צאל מענטשן וואס קומען ארויס שטימען און זיך באטייליגן אין די וואלן. די אסעמבלי מאיאריטעט וועט פארזעצן צו ארבעטן מיט אונזערע שותפים אין רעגירונג צו היטן אויף אונזער דעמאקראטיע און זיכער מאכן אז יעדער בארעכטיגטער וויילער האט די געלעגנהייט צו אריינלייגן זייער בעלאט און האבן זייער שטימע געציילט ווערן."

<u>**באשיצן ניו יארקער'ס שטימעס**</u>

איין ביל (S.350/A.5874) פארבאט די שיטה פון גיין אויספרובירן עטליכע געריכטן צו טרעפן די מערסטע גינסטיגע געריכט וואו צו ארויפברענגען קאנסטיטוציאנאלע טענות קעגן וואלן.

**סטעיט סענאטאר ראבערט דזשעקסאן האט געזאגט,** "אפהיטן די הארץ פון אונזער דעמאקראטיע איז אונזער אויפגאבע, און מיט מיין ביל S350, ברענגען מיר אן ענדע צו די וואלן געזעץ שפילערייען און מיר מאכן זיכער אז יעדע שטימע ווערט דערהערט. א דאנק אייך גאווערנער האקול פארן אונטערשרייבן די קריטישע ביל. מיר טוהען נישט בלויז אריבערפירן געזעצן — נאר מיר באפעסטיגן די ווענט פון ארנטליכקייט, זיכער מאכנדיג אז וואלן ווערן באשלאסן דורך די מענטשן און נישט דורך פארטייאישע שפילערייען."

נאך א ביל (S.438/A.928) פארבאט "אומגעטרייע עלעקטארס" פונעם האבן א השפעה אויף די תוצאה פון פרעזידענטליכע וואלן. ניו יארק האט 29 עלעקטאראלע שטימעס וועלכע גייען פאר דעם פרעזידענטליכן קאנדידאט וואס באקומט די העכסטע צאל שטימעס אין די סטעיט. אבער געוויסע מענטשן וועלכע ווערן אויסדערוועהלט אלס מיטגלידער פון די עלעקטאראלע קאלעדזש קענען – און טוהען – אונטערגראבן דעמאקראטיע דורכן גיבן זייערע עלעקטאראלע שטימעס פאר א קאנדידאט וואס האט נישט געוואונען די העכסטע צאל שטימעס. אונטער דעם נייעם געזעץ וועלן בייזוויליגע עלעקטארס וועלכע פרובירן זיך צו ערהוילן פון די ווילן פון די מענטשן געצווינגען ווערן צו רעזיגנירן.

**סטעיט סענאטאר דזשעימס סקופיס האט געזאגט,** "ווען אזוי-גערופענע 'אומגעטרייע עלעטארס' גיבן זייער שטיצע פאר אן אנדערע קאנדידאט פון דעם וועם די וויילער האבן אויסדערוועהלט גראבט דאס אונטער אונזער מערסטע וועזנטליכע דעמאקראטישע פראצעדור. איך אפלאדיר די גאווערנער פארן אונטערשרייבן די און מערערע אנדערע וויכטיגע מאסנאמען היינט, באשיצנדיג די פרייע און יושר'דיגע וואלן וואס קומען זיך פאר ניו יארקער."

**אסעמבלי מיטגליד דזשאנעטען דזשעיקאבסאן האט געזאגט,** "אונזער דעמאקראטיע איז אונטער אטאקע. עס איז געוואנדן אויף אונז עס צו אפהיטן דורכן זיכער מאכן אז די שטימע פון יעדן איינציגסטן מענטש ווערט געציילט פאר דעם וואס זיי האבן געוואלט. ווען עס קומט צו פרעזידענטליכע וואלן אין ניו יארק סטעיט, מיינט דאס אז דער קאנדידאט וואס באקומט די מערסטע שטימעס פאר פרעזידענט באקומט עכט *אלע* פון ניו יארק'ס עלעקטאראלע קאלעדזש שטימעס. דער נייער געזעץ וועט ארויסנעמען פון געזעץ פאלשע עלעקטארס כדי ניו יארק זאל טוהן איר חלק צו באשיצן אמעריקע'ס דעמאקראטיע וואס ווערט מער און מער צארט."

**Common Cause New York'ס עקזעקיוטיוו דירעקטארין, סוזען לערנער, האט געזאגט** "היינט נעמט ניו יארקער אונטער א גרויסארטיגע טריט אויף פאראויס ביים ערמעגליכן די רעכט צו שטימען פאר מער ניו יארקער א דאנק דייטליכע פירערשאפט פון גאווערנער קעטי האקול און די סטעיט לעגיסלאטור. די רייע פון פרא-וויילער בילס וועלן העלפן טרעניז ווען לאקאציע ארבייטער, פארגרינגען וויילער רעגיסטראציע פאר סטודענטן און ארעסטירטע ניו יארקער, גאראנטירן מער שטימעס צו געציילט ווערן און ערלויבן ניו יארקער צו שטימען דורך די פאסט. מיר ווייסן אז שטימען דורך די פאסט ארבעט: ניו יארק האט עס ערפאלגרייך גענוצט אין 2020 ווען עס איז געשטאנען פאר די קאוויד-19 פאנדעמיע. אלס אן אומפארטייאישע וויילער רעכטן ארגאניזאציע מיט צענדליגע יארן פון ערפארונג, ווייסט Common Cause/NY אז דאס איז נישט נאר לעגאל אונטער אונזער קאנסטיטוציע נאר אז עס די ריכטיגע רעפארם פאר ניו יארק צו אננעמען."

**סיניאר קאונסעל פאר דעם וואלן און רעגירונג פראגראם פון די Brennan Center for Justice, דזשאָוענע זדאניס, האט געזאגט,** "די Brennan Center for Justice אפלאדירט אונזערע סטעיט'ס פירער פאר זייער אנגייענדע איבערגעגעבנקייט צו מאדערניזירן דאס שטימען און וואלן אנפירונג אין ניו יארק סטעיט. די שכל"דיגע געזעצן וואס גאווערנער האקול האט היינט איינגעפירט וועלן פארשטערקערן אונזער סטעיט'ס דעמאקראטיע דורכן פארבעסערן וואלן לאקאציע ארבייטער טרענירונג און גרינגער מאכן וויילער רעגיסטראציע. מיר לויבן אויס גאווערנער האקול פארן אריינשרייבן די וויכטיגע רעפארמען אין געזעץ. ניו יארק זעצט פאר צו מאכן באדייטנדע פארשריט פאר אירע וויילער, און מיר מוטיגן אונזערע פירער אין אלבאני צו ווייטער קעמפן פאר אונזער דעמאקראטיע."

**עקזעקיוטיוו דירעקטארין פון League of Women Voters of New York State (ליגע פון פרויען וויילער פון ניו יארק סטעיט), לאורע לעד ביערמאן, האט געזאגט,** "עס דערפרייט די League אז די גאווערנער שרייבט אונטער די רייע פון וואלן-פארבינדענע בילס וועלכע וועלן ערמעגליכן גרינגער צוטריט צו די וואלן פאר אלע ניו יארקער. ערלויבן פאר אלע וויילער צו האבן זייערע שטימעס געציילט איז קריטיש צו פארשטערקערן אונזער דעמאקראטיע. מיר אפלאדירן די לעגיסלאטור פארן אריבערפירן די בילס, און יעצט די גאווערנער — פארן זיי אריינשרייבן אין געזעץ."

**עקזעקיוטיוו דירעקטאר פון New York Public Interest Research Group, בלעיר הארנער, האט געזאגט,** "די NYPIRG אפלאדירט גאווערנער האקול'ס באשטעטיגונג פון וויכטיגע בילס צו פארשטערקערן ניו יארק'ס וויילער געזעצן. בלויז לעצטנס איז ניו יארק פאררעכנט געווארן צו זיין הונטערשטעליג אינעם לאנד ווען עס איז געקומען צו רעגיסטרירן און אויפקלערן וויילער. מיט די באשטעטיגונג פון די וויכטיגע בילס, זעצט ניו יארק פאר מיט איר מארש פאראויס צו נאכקומען די לאנד'ס בעסטע וואלן סטאנדארטן."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך ארויסשרייבן